שנה ד'
נומער 169
**פרשת תז"מ**
תשפ"ג

# קרית ברסלב

**בריוו צו די רעדאקציע:**
נרצה

**געדאנקען:**
וואו ליגט די צוקער?

**יו"ט נייעס:**
פסח אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה



## סיום הש"ס

## נאכן אנטלויפן פון די מלחמה אין אוקריינא

דורך הילד הפלא נחמן פוקס נרו יאיר
– חול המועד פסח תשפ"ג



## ביים באקן מצות ערב פסח

אין בית האופה
ד'קרית ברסלב

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**

## בריוו צו רעדאקציע
נרצה!



3

## צום פינעל
אך! א שאדן
אנשטאט א
שאטן!



5

## שטעטל נייעס
יום טוב פסח אין
שטעטל מיט'ן
ראש ישיבה



7

## געדאנקען
וואו איז די
צוקער?



10

## א סעודה מיט'ן ר"
פרשת ויקרא



18

## בילדער
בילדער פון ארום
דעם יום טוב פסח



30

## זמנים Liberty
תז"מ ל' ניסן תשפ"ג

הדלקת הנרות.........07:27
מוצאי שבת............08:59
**מנחה מעריב אח"ק ... 08:45**

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם צוויבל הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**

**צום געבורט פון זייער אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נחמן נתן בוים הי"ו**
**וזוגתו סימא תחי'**

**צום אפשערן פון זייער אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 21 | 73°/48° | | PM Showers |
| Sat 22 | 56°/41° | | Showers |
| Sun 23 | 53°/35° | | Showers |
| Mon 24 | 52°/35° | | AM Snow Showers |
| Tue 25 | 55°/37° | | Partly Cloudy |
| Wed 26 | 60°/40° | | Partly Cloudy |
| Thu 27 | 62°/42° | | Showers |
| Fri 28 | 60°/43° | | Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א



# בריוו צו די
# רעדאקציע

**נרצה!**

קדש , ורחץ, כרפס, יחץ...

רוב סימנים פון דער סדר נאכט איז זיך אליין מסביר פון דער נאמען, קדש - מען מאכט קידוש, ורחץ - מען וואשט זיך די הענט, און אזוי ווייטער.

עס בלייבט נאר איבער צו פארשטיין וואס איז דאס "נרצה"?

מיר אלע ווייסן שוין פון אלס קליין קינד אז "נרצה - ווער עס טוט די אלע זאכן איז באוויליגט פארן אייבערשטן", אבער וואס מיינט דאס פאר מיר למעשה? דער פשוטער טייטש פון "נרצה" איז מלשון "מרוצה", אויף אידיש - באוויליגט, און אויף ענגליש DEIFSITAS. דער אייבערשטער איז צופרידן פון אונז.

דער ראש ישיבה פארציילט שטענדיג די מעשיות ווי די הייליגע צדיקים פלעגן גיין קוקן וויאזוי פשוטע אידן האבן געמאכט דער סדר נאכט.

איין פשוטער איד איז אנגעקומען צו "והיא שעמדה" האט ער זיך מורא'דיג צואויינט ביי "לחלותינו" (לכלותנו) - מען טאר דאך נישט האבן חלות אויף פסח... שפעטער האט ער זיך בארואיגט ווען ער איז אנגעקומען

צו "והקב"ה מצה'לינו (מצילנו) מידם"...

א צווייטער עם הארץ האט מען אים געזען ביים סוף פון מגיד, ווען ער איז אנגעקומען צו דער ברכה "גאל ישראל", האט ער זיך אויפגעשטעלט צו שמונה עשרה....

אזוי אויך ווייסן מיר דער מעשה וואס דער רבי האט פארציילט, אז עס איז געווען א פשוטער איד וואס האט זייער געוויינט ביי "תם מה הוא אומר", האט מען אים געפרעגט, וואס איז אזוי געוואלדיג אין די ווערטער? פארוואס וויינט ער אזוי? האט ער געענטפערט "איך פארשטיי נישט וואס דער חכם זאגט דא, און איך וויס נישט וואס דער רשע זאגט, מיך גייט נאר אן איין זאך, תם - דארט, (אין רוסיש, אוקריייניש און פויליש זאגט מען פאר "דארט" MAT - תם) זאגט ער, איך וויל וויסן וואס זאגט מען אויף מיר דארט, אין הימל, וואס זאגט דער אייבישטער אויף מיר...."

די הייליגע צדיקים האבן אונז דערציילט די מעשיות צו אונז ווייזן אז יעדער זאך וואס מען טוט לשם שמים מאכט גרויסע שעשועים אין הימל, דער אייבערשטער האט זייער הנאה פון דעם.

אין פרשת ויקרא שטייט וועגן "קרבן עולה ויורד", ביי דער קרבן איז דא 3 דרגות, ווער עס איז פארמעגליך ברענגט א בהמה, ווער עס האט נישט גענוג געלט פאר א בהמה ברענגט א עוף,



און דער וואס איז ממש ארעם ברענגט א קרבן מנחה.

אין משניות מסכת מנחות דער לעצטע משנה (י"ג י"א) שטייט אז סיי ביי עולת בהמה, סיי ביי עולת העוף, און סיי ביי קרבן מנחה שטייט "אשה ריח נחוח" - "ללמד, שאחד המרבה ואחד הממעיט, ובלבד שיכון אדם את דעתו לשמים" - יעדער ברענגט לויט זיין דרגה, און דער אייבערשטער האט הנאה צוגלייך פון יעדער איינער. דער עיקר וואס דער אייבערשטער וויל, אז מען זאל מיינען לשם שמים.

שטעל זיך פאר אז עס קומט פאר א סיום אין שול, דער גאנצער עולם קומט אריין, מען זעט אויף אלע טישן אלע סארטן גוטע פלייש וואס דער ראש הקהל האט צוגעשטעלט. מען וויל זיך גיין וואשן צום סעודה זעט מען אז מען האט פארגעסן צו ברענגען בולקעס וואס קאסט סך הכל אפאר דאלער, וואס אן דעם קען מען נישט מאכן קיין סעודה. שפעטער עסט מען די פלייש, אבער מען דארף האבן עפעס א צושפייז, איז איינער געקומען און אריינגעברענגט א שטריימעל פון לאקשן קוגל (נישט אויף פסח גערעדט), דער עולם האט זיך פשוט באלעקט די פינגערס מיט דעם.

דאס איז א משל אז יעדע זאך איז חשוב, אפילו ווען עס איז דא די בעסטע פלייש, דארף מען נאכאלץ האבן די פשוטע בולקעלעך מיט די לאקשן קוגל (רש"י ברענגט אז דער מנחה וואס מען מאכט אין א הויכע טאפ איז אויליג און עס שאקלט זיך - עס דערמאנט אביסל א לאקשן קוגל, אפשר פארדעם עסט מען לאקשן קוגל שבת, לזכר די קרבן מנחה).

עס קען זיין אז דאס איז פשט וואס מיר זאגן יום טוב ביי מוסף "ותערב לפניך עתירתנו כעולה וכקרבן", לכאורה פארוואס זאגט מען נישט "ותערב לפניך עתירתנו כקרבן עולה"?

נאר קען זיין אז מען מיינט טאקע אן אנדערע קרבן. מען זאגט פארן אייבערשטן: אויב האב איך גוט געדאווענט, זאל דיר זיס זיין מיין תפלה אזויווי אן עולה, און אויב האב איך געדאווענט אן צו האבן אזויפיל כוונה, איך בין געווען אן עני בדעת, זאלסטו אננעמען מיין תפלה אזויווי א קרבן מנחה.

אזוי אויך איז ביי דער סדר נאכט, עס איז דא צדיקים וואס זיי וויסן דער סוד פון יעדע זאך, עס איז דא למדנים וואס ווייסן די הלכה'דיגע טעם פון יעדע זאך, און עס איז דא אידן וואס ווייסן אז מען דארף טון אלעס לויט דער סדר וואס שטייט אין דער הגדה.

דאס דארפן מיר יעצט געדענקען נאך דער גאנצע סדר נאכט, אז "נרצה, ווער עס טוט די אלע זאכן איז באוויליגט פארן אייבערשטן", יעדע איינער מאכט דער סדר לויט זיין דרגה, און דער אייבערשטער האט הנאה פון יעדן איד'ס עבודה צוגלייך.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן טאקע זוכה זיין "כאשר זכינו לסדר אותו, כן נזכה לעשותו", "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים", בביאת גואל צדק, במהרה בימינו, אמן.

יואליש קרויס - ביתר





# צום פינטל

## אך! א שאדן אנשטאט א שאטן!

איך פלעג אריבערפארן יעדע ריזיגע פראפערטי יעדן טאג, עס האט גענומען צייט ביז איך האב אויסגעפינען צו וועמען עס געהער, אבער צום סוף האב איך אויסגעפינען. נישט אז איך בין געווען נייגעריג וועגן דעם פראפערטי, עס איז מיר נאר געווען אינטערעסאנט ווי אזוי עס איז אים געלונגען צו באקומען א פערמיט, לויט ווי מען האט געהאקט די ביימער דארט האט אויסגעזען אז עס קומט פיתום ורעמסס, סתם אזוי וואלט ער דארט נישט געמאכט א חורבן פון אזא הערליכע פלאץ אנגעפילט מיט ביימער, שוין! ער קען זיך קריגן מיט מיר, איך האלט נישט אז אויב מען גייט בויען הייזער איז די ערשטע זאך אויספליקן ביימער, ווי נישט אז דו בויעסט פאר מענטשן וואס קומען פונעם סיטי ווילן זיי יא האבן אביסל שאטן, נו וואס וועט עס שאטן אז דו וועסט לאזן אביסל שאטן, אבער שוין אז ער איז דער גרויסער מעכטיגער בילדער מסתם ווייסט ער וואס זיינע קליענטן דארפן, איך מיש מיך נישט.

אזוי בין איך אריבער געפארן יעדען טאג איך האב געזען דארט האקן ביימער, יעדן טאג וואס עס איז פארביי האט מען מער און מער געזען ווי דער ריזן וואלד ווערט ליידיגער און ליידיגער, א לאנגער ווינטער, עס איז מיר געווען אינטערעסאנט סתם אזוי די וועג ווי אזוי זיי האבן געקנאקט שטיקער, ממש פון אנהייב ווינטער יעדן טאג זענען די ארבעטער אנגעקומען און אויסגעריסן ביימער.

יעצט אז יום טוב איז פאריבער, איך האב ווייטער אנגעהויבן דורכפארן דארט, די קלימאט האט זיך שוין געטוישט, דער זומער איז אנגעקומען מיט אלע מפרשים איך זיץ מיך אין מיין ערקאנדישענד קאר, און איך פאר אריבער זיין פראפערטי,דאס האב איך שוין נישט געקענט פארשטיין, איך בין געווען זיכער אז עס קומט שוין עפעס ארויף א דעוועלאפמענט, אפשר א שיינעם וואלקן קראצער דא אין די אפסטעיט געגענט, אבער ווי, וואס, ווען, קיין זכר פון קיין בויען, שטייען די זעלבע ארבעטער און גראבן אבער נישט קיין פאנדומענטן, זיי גראבן גריבלעך צו פלאנצן... ביימער...

דאס האט מיר שוין אויפגעוועקט מיין נייגער איך האב נישט געקענט איינהאלטן, דא שטייען זיי גאנץ ווינטער און זיי רייסן אויס ביימער, זיי מאכן צוניש פונעם וועלדל, און אזוי ווי זיי האבן געענדיגט, הייבן זיי אן צוריק, זיי גראבן, שטעקן אריין קליינע ביימער, מתחילה מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר וואס איז די גאנצע דיון. איך בין ארויס פון מיין וועג איך האב מיר אריינגעריקט דארט אינעם פראפערטי איך האב מיך צוגעשארט צו איינע פון די ארבעטער איך פרעג אים אהובי ידידי וואס גייט דא פאר.

זאגט ער מיר איך וועל דיר זאגן, דער בעל הבית איז א גרינער אין די סוגיא פון אפסטעיט, ער האט אפגעקויפט די פראפערטי, ער האט זיך געוואלט בויען א הייזקע, ער האט עס געקויפט סוף זומער, ער האט שוין אנגעהויבן פלאנירן אז ער גייט בויען געהעריג אפסטעיט סטייל, אין שטאט איז ער אינעם סענטער, עס טוט זיך ארום און ארום, יעדער האלט מיט אלעס וואס עס טוט זיך ביי אים, יעצט גייט ער זיך באהאלטן אין טיפן וואלד, ער גייט בויען פונקט אינדערמיט. מען האט שוין געברענגט ארכיטעקטן, און בוי מייסטערן, מען איז שוין געווען גרייט



אנהייבן בויען זיין פאלאץ, פלוצלינג האט זיך אונטערגעריקט די אנהייב פון די הערבסט סעזאן, די גאנצע פרייוועסי איז אים צורינען, די שנייען און ווינטן האבן אויסגעפליקט די בלעטער פון די ביימער, עס איז געווארן אלס מער און מער שיטער, ער פלעגט אריבערקומען יעדן טאג באטראכטן די ארבעט פון דער נאנט, און עס האט אים אנגעהויבן זייער צו קרענקן און צו עסן, ער האט זיך ממש יעדן טאג געערגט אויף די גאנצע געגענט, ווייסט דאך א עושר... דער רבי זאגט דאך אלע עשירים זענען משוגעים, און ממש ווי המן'ס קינדער האט ער געדינגען א שטאב מיט ארבעטער און מען גייט אויסרייסן די ביימער... סתם עס זאל שטיין דארט ליידיגע נאקעטע ביימער, ער האט נישט געקענט שלום מאכן מיטן מצב, סתם שטיין דא מיט א פראפערטי פון פוסטע ביימער. אזוי האבן מיר געהאט פרנסה קודם גאנץ ווינטער, ווען ער פלעגט קומען יעדן טאג און מיר האבן געשניטן ביימער.

יעצט ווען די זומער איז אנגעקומען, ער זעט ביי אלע שכנים, די ביימער הייבן זיך די קעפ, עס ווערט שיין גרין, עס ווערט א שיינער שאטן, האט ער ביטער חרטה געהאט, אונטער די באקעדיגע זון גייט ער יעצט אנהייבן בויען זיין הייזקע?

האט ער ווידער אנגעהויבן מיט א פארקערטע פראיעקט, מען גייט אנהייבן פון פריש איינפלאנצן ביימער, מען גייט גיין גרין, עס גייט שוין זיין שאטן.

איך האף אז דו טראכסט נישט אז דאס איז אן אמת'ע מעשה! יא! עס איז גראדע אן אמת'ע מעשה, איך האב מיך געכאפט, איך האב געזען עס איז געשען, איך קוק נישט ביי יענעם, אבער עס איך האב מיך געביסן די ליפן ווען איך האב עס געזען געשען ביי דיר ממש אקוראט ווי דער משוגענער עושר.

אביסל געדולד אביסעלע געדולד! ניין ער קען נישט צו ווארטן, ער פליקט, ער רייסט, איך וויל מיך נישט אריינמישן אין יענעמס געשעפטן, אבער עס האט מיר זייער וויי געטון, ווען איך האב עס געזען ביי דיר געשען, אזעלכע שיינע פירות קען פון דיר ארויסוואקסן, נו! מ'האט שוין געהערט אזאנס! עס גייט אריבער א שוועריקייט! פארוואס ביסטו אזוי נאריש, פארוואס רייסטו זיך אינגאנצן אויס, ווארט צו, רייס דיך נישט איבער, פאוואליע, עס קומט נאך א שיינער פרילינג! מען וועט נאך הנאה האבן פון דיינע פירות, פון דיין שאטן, א שאד א שאד אז יעצט ווען דו פילסט ווי דער יצר הרע האט דיר צוגענומען די מוט פון דיין לעבן טראכסטו: שוין! דא האסטו! איך געב אים אלעס איבער. עס איז אזא שאד דו זאלסט נישט וויסן אז עס איז נאר א דורכגאנג! עס בלייבט נישט אלעמאל ווינטער! אוודאי ווען דער גרויזאמער ווינטער קומט און רייסט אלעס אויס זעט אויס אז פון דיר וועט שוין טאקע גארנישט בלייבן, עס איז שוין נישט דא קיין תקנה פאר דיר, דו האסט שוין סייווי פארלוירן דיין שלום בית, האסט שוין סייווי פארלוירן דיין חינוך, האסט שוין סיי ווי פארלוירן דיין אידישקייט, קוק ווי עס איז אריבער אזא לאנגע צייט אן עפענען א אידיש ספר, אן קיין דאוונען אן קיין חינוך, שרייען אויף די ווייב אויף די קינדער, אוי! מיינע אויגן! עס איז א שאד אפילו צו רעדן דערפון!

געדענקט טייערער איד! עס איז אדורכגאנג! יעדער גייט אריבער א ווינטער, דער ווינטער איז דאך א מתנה פון הימל, עס געבט דיר אפרוה צייט דו זאלסטיך נישט איבעררייסן, אזוי ווי די ביימער קענען נישט וואקסן און וואקסן און וואקסן, ווייל זיי פארלירן זייער כח, עס מוז קומען א אפשטעל צו זייער וואקסן אזוי האבן זיי צייט זיך אפצורוען, מען קען נישט ברענען און ברענען און ברענען ווייל נאכדעם האט מען נישט קיין כח ווייטער אנצוגיין, אז דו זעסט אז עס קומט אויף דיר א שווערע ווינטער, רייס נישט אויס, לאז נישט נאך דאס וואס דו קענסט יא, רייס נישט איבער, עס איז אן אריבערגאנג, עס קומט נאך א הערליכע זומער, די וועלט גייט נאך הנאה האבן פון דיר, איך פארשטיי אז ווען דו זעסטיך ווינטערדיג קענסטו דיך נישט ליידן, אך! עקלדיג! אבער פליז איך בעט דיך טו עס נישט, רייס דיך נישט אויס, ווער נישט אנגעגעסן אויף זיך, ווער נישט אריינגעגעסן אין זיך, ווער נישט דערביטערט, אנטלויף נישט צו שלעכטע זאכן, רייס נישט אויס דיין לעבן, ווייל באלד ווען עס גייט קומען קומען די שיינע זומער, וועסטו קענען צוריק אויפבליען, די וועלט ווארט אויף דיינע שיינע גרינע בלעטער, אויף די שיינע הערליכע פרוכט וואס עס גייט פון דיר ארויסקומען, וויפיל מידע הונגעריגע דורשטיגע מענטשן ווארטן זיך צו באשיצן אונטער דיין שאטן, עסן פון דיינע פרוכט.

א שאד א שאד! א שאד א שאד! אז דו זאלסט פארפאטשקענען אזעלכע הערליכע שיינע ביימער, זיי נישט ווי דער נארישער עושר, זיץ מיט געדולד און ווארט אויס, עס וועט נאך פון דיר ארויסקומען זייער שיינע זאכן.

# שטעטל נייעס

## יום טוב פסח אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה



גאר א הערליכער יום טוב פסח איז אריבער אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה וואס האט זיך דא אויפגעהאלטן א גאנץ יום טוב.

דער ראש ישיבה איז שוין ארויסגעקומען אין שטעטל פאר שבת הגדול - כדי צו האבן צייט אהערצושטעלן דעם יום טוב מיט אלעס וואס פעלט זיך נאר אויס. אין די טעג פון פאר יום טוב האט דער ראש ישיבה אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אריבער צו כאפן אין חדר זיך אפצוגעבן מיט די טייערע קינדער, און אזוי אויך מחזק זיין די חשובע מלמדים וואס געבן זיך אוועק צו מחנך זיין די קינדער מיט די ריינע לויטערע אמונה אזוי ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז.

ערב שבת הגדול נאך חדר זענען א צאל קינדער זיך צאמגעקומען פאר א שיינע סיום מסכת נזיר אין שטוב פון מו"ה יעקב לעסער שליט"א, וואס לערנט פאר דעם דף גמרא פאר די קינדער יעדן טאג. דער ראש ישיבה איז זיך געקומען משתתף זיין, און ארויסגעברענגט די חשיבות פון לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג (מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב).

**פרייטאג צונאכטס - שבת הגדול** האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט אנשי שלומינו פון די הפצה וואס די שטעטל ברענגט מיט זיך, מענטשן פון אלע זייטן קומען אריין דאווענען א שחרית, אדער א מנחה, א מעריב, זיי קומען אריין און זיי זען אז ברסלב איז נארמאלע מענטשן, עס טוישט זייער גאנצע בליק אויף דעם הייליגן פלאץ היכל הקודש. און פון דעם איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס אז די אויפפירונג פון א מענטש קען ברענגען מענטשן צום אייבערשטן און אים מקרב זיין צום הייליגן רבי'ן, און די זעלבע זאך פארקערט.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה גאר שטארק ארום גערעדט פון שלום בית, און פארציילט אז א אינגערמאן האט אים פאריאר נאך פסח פארציילט אז ער האט אלעס געמאכט זיכער אנצוגרייטן פאר יום טוב, כדי ווען עס קומט די 'סדר' זאל אלעס קלאפן ווי עס דארף צו זיין. למעשה קומט ער אהיים פון שול, און זיין ווייב וויל נישט קומען צום סדר, ווייל ער האט (אומוועלנדיג) געזאגט עפעס א שלעכטס ווארט פאר זיין ווייב פארן ארויסגיין פונדערהיים, און יעצט האט ער שוין געדארפט ארבעטן א לאנגע צייט איבערצובעטן. האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון דעם אז דאס איז די עבודה אינדערהיים, צו קענען איבערבעטן און נישט אריינגיין אין קיין מלחמות, נאר שטענדיג איבערבעטן און רעדן שיין.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט שיחות הר"ן דאס וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ער פירט זיך יעדן אינדערפרי איבערצוגעבן די טאג צום אייבערשטן, בפרט פאר א יום טוב. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יעדן טאג איז וויכטיג זיך איבערצוגעבן צום אייבערשטן, אבער פאר יום טוב איז נאך וויכטיגער זיך איבערצוגעבן צום אייבערשטן יעדע פרט ופרט, און נאר אזוי קען מען האבן א רואיגע יום טוב.

במשך די **ערב פסח טעג** האט דער ראש ישיבה פארטיילט פאר אנשי שלומינו אין שטעטל ספעציעלע טשעקס צו קענען איינקויפן אין גראסערי בהרחבה לכבוד יום טוב, צוגעשטעלט געווארן דורך די חשובע בית התבשיל ארגענאזאציע, וואס העלפט אנשי שלומינו א גאנץ יאר, און ספעציעל יום טוב ווען עס קאסט אסאך מער איינצוקויפן לכבוד יום טוב.

אויך איז דער ראש ישיבה אריבער אינעם ספרים געשעפט און איינגעקויפט לכבוד יום טוב, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה באזוכט אינעם נייעם שיך געשעפט און איינגעקויפט שיך פאר די קינדער, און דערנאך געוואונטשן א ברכה פארן בעל הבית מו"ה יואל וועבערמאן ה"ו עס זאל האבן א הצלחה מיטן נייעם געשעפט.

יעדן טאג נאך מעריב האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא און דערנאך געשמועסט מיט אנשי שלומינו גאר שיינע עצות און חיזוק (מען קען עס הערן אויף קול ברסלב).

<<<<

**ערב פסח** ליל בדיקת חמץ פאר מנחה איז דער ראש ישיבה צוזאמען מיט אנשי שלומינו אריבער געגאנגען צום מצה בעקעריי אין שטעטל און אריינגעגאסן וואסער - מים שלנו, כדי צו האבן וואסער פאר מצות באקן דעם קומענדיגן טאג ערב פסח.

ערב פסח נאך שחרית האט דער ראש ישיבה אריבער גערופן ביי זיך אינדערהיים די חשובע בודקים פונעם עירוב אין שטעטל - וואס גיבן אוועק פון זייערע טייערע צייט יעדן ערב שבת און באקוקן די עירוב ארום די שטעטל - און געמאכט די ברכה אויף די עירוב פאר די גאנצע יאר אזוי ווי די הלכה איז.

ערב פסח נאכן פארברענען די חמץ האט מען זיך אנגעהויבן גרייטן צו באקן מצות לכבוד פסח, מען האט אהערגעשטעלט די בית אופה מיט אלע צוגעהערן, און ביי חצות האט מען אנגעהויבן באקן מצות לשם מצות מצוה מיטן גאנצן ברען און חשק. אסאך פון אנשי שלומינו זענען געקומען באקן מצות, און ווי מען הערט צוריק האט געהערשט דארט א רואיגע פרייליכע אטמאספער, טראץ וואס די צייט קען זיין אסאך מאל אנגעשטרענגט, דאך איז אלעס אריבער פרייליך און געשמאק.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט לשבח פון די ברסלב'ע מצה בעקעריי אז דא ארבעטן אנשי שלומינו וואס רעדן צום אייבערשטן, וואס דאס איז גאר א געוואלדיגע מעלה צו האבן אזעלכע הייליגע מצות.

**די ערשטע טעג פסח** איז אריבער הערליך שיין, דער ראש ישיבה האט געדאווענט שחרית פארן עמוד ביידע טעג גאר ווארים און הארציג, די געפילן נאך אזא דאווענען קען מען נישט באשרייבן מיט אפאר ווערטער, א נקדישך, א הלל, יעדע שטיקל פון הלל ווערט ארויסגעלאזט מיט א באזונדערע ווארימע תנועה וואס גייט אריין אין די ביינער, און וועקט אויף די הארץ צום אייבערשטן.

במשך די טעג פון יום טוב האט דער ראש ישיבה אסאך געשמועסט מיט אנשי שלומינו, פארן אדער נאכן דאווענען. צו הערן אביסל פון די שיינע שמועסן קען מען אריינרופן קול ברסלב, ווי מען קען הערן פון אנשי שלומינו וואס פארציילן שיינע שיחות וואס דער ראש ישיבה האט געשמועסט.

במשך די חול המועד טעג האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא נאך שחרית, און דערנאך געשמועסט מיט אנשי שלומינו שיינע זאכן פארן לעבן.

אויך איז דער ראש ישיבה אריבער מיט זיינע קינדער צו די "טאנץ מיט אמונה" פארק אין שטעטל, און פארפירט שיינע שמועסן מיט אנשי שלומינו אינדרויסן פונעם פארק.

**זונטאג - די צווייטע טאג חול המועד** נאך מעריב האט דער ראש ישיבה געגעבן א הערליכע שיעור התחזקות פאר אנשי שלומינו. קודם האט מען געזינגען שיינע ניגוני החג, און דערנאך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט ליקוטי מוהר"ן חלק ב סימן ע"ד אז 'פסח' איז 'פה סח' די מויל הייבט אן שמועסן מיטן אייבערשטן, ביז מען איז ארויס פון מצרים איז מען געווען ביי 'פרעה' וואס דאס איז 'פה רע', פאר מען האט אמונה ווערט מען אויפגערעגט אויף יעדן איינעם, אבער יעצט פסח הייבט מען אן לעבן מיטן אייבערשטן, וואס מיט דעם גייט מען ארויס פון מצרים (מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב).

**מאנטאג - די דריטע טאג חול המועד** איז פארגעקומען א גרויסארטיגע "סיום הש"ס" פון הילד הפלא נחמן פוקס נרו יאיר, וואס האט זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס אין א קורצע צייט פון דריי יאר. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען זעט היינט א קינד וואס קען שיין זינגען רופט מען אן 'הילד הפלא', אבער דער אמת איז א קינד וואס ענדיגט ש"ס דער איז 'הילד הפלא'. אויך האט דער ראש ישיבה גאר שטארק אויסגערומט און געזאגט אז דאס איז מחייב יעדן איינעם, אז טראץ נחמן האט געדארפט אנטלויפן פון זיין היימשטאט אומאן - צוליב די מלחמה זושטאנד אין אוקריינא, האט ער שוין געקענט האבן אלע תירוצים נישט צו דארפן לערנען, ווייל ער איז אדורך א שווערע צייט פון דארפן אנטלויפן פון אוקריינא און זיך איינגלידערן אין א פרישע סביבה, דאך האט ער נישט געקוקט אויף די אלע זאכן, נאר געלערנט בלעטער גמרא יעדן טאג אין זיין פרייע צייט פאר אדער נאך חדר (מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב). נאכן סיום איז מען אריבער ביים אויבן אן וואונטשן מזל טוב פאר נחמן נרו יאיר, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט יעדן באזונדער אויב ער האט א שיעור אין גמרא און ווען ער גייט מאכן א סיום הש"ס.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, **די צווייטע טעג יום טוב** איז אויך אריבער גאר געשמאק און דערהויבן. שביעי של פסח ביינאכט איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש אשר בנחל צו זינגען שירת היום. דער ראש ישיבה האט געטיילט גרעיפ דשוס פאר אלע אנשי שלומינו. דערנאך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון די גרויסקייט פון שביעי של פסח, וואס איז א צייט פון ניסים, מען קען פויעל'ן שידוכים און פרנסה - וואס די גמרא זאגט אויף דעם אז דאס איז ווי קריאת ים סוף. דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט פון הרב הקדוש מסאטמאר זכותו יגן עלינו, אז דאס וואס חז"ל זאגן קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף און קשה פרנסתו של אדם כקריעת ים סוף, מיינט נישט צו זאגן אז יעדע שידוך און יעדע פרנסה איז שווער אזוי ווי קריעת ים סוף, נאר איינער וואס דארף עפעס גאר א ספעציעלע שידוך אדער גאר א אייגענארטיגע ארבעט, דאס איז שווער כקריאת ים סוף, אבער אז דו ביזט גרייט צו נעמען וועלכע שידוך מען טראגט דיך אן אדער

<<<<

וועלכע ארבעט עס איז דא, איז עס נישט שווער צו באקומען. און יעצט שביעי' של פסח קען מען זוכה זיין צו פועל'ן ביי 'זיך' אליין צו זיין גרייט אנצונעמען יעדן שידוך אדער יעדן ארבעט וואס מען טראגט נאר אן, און נישט זיין קלויבעדיג.

שביעי' של פסח אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געדאווענט אין בית המדרש עצתו אמונה, דער ראש ישיבה האט געדאווענט פארן עמוד שחרית, און אויך געליינט די שירה מיט די גאנצע ברען און התלהבות.

אחרון של פסח ביינאכט האט דער ראש ישיבה געדאווענט אין בית המדרש אשר בנחל.

אחרון של פסח אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געדאווענט אין בית המדרש אויף האשקי גאס. נאכן דאווענען איז געווען א קידוש, צוזאמען מיט א לחיים פון א בר מצוה בחור שמעון נרו יאיר בן מו"ה לייב ביקעל הי"ו וואס איז געווארן דרייצן יאר אחרון של פסח. דער ראש ישיבה האט גערעדט צום בר מצוה בחור פון זיך פרייען מיט די מצות וואס ער באקומט יעצט, זיך פרייען מיט די תפילין, קאפל, ציצית און אזוי ווייטער. לכבוד די בר מצוה האט זיך די בר מצוה בחור פארגענומען צו זאגן יעדן טאג משניות, און דער ראש ישיבה האט דאס זייער אויסגערומט, און ארום גערעדט די חשיבות פון זאגן משניות יעדן טאג, וואס דאס מאכט אז דער מענטש זאל נישט דארפן איינעמען מעדעצינען פאר די נערוון.

אחרון של פסח נאכמיטאג האט מען געמאכט א סעודה וואס ווערט גערופן "משיח'ס סעודה" אדער "בעל שם טוב'ס סעודה". דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער זיי זאלן אויסהערן די מעשה פארוואס די סעודה ווערט גערופן מיט די נעמען. בשעת'ן פארציילן די מעשה האט דער ראש ישיבה אריינגעלייגט שיינע התחזקות וואס קען מען ארויסנעמען פון די מעשה, ווי למשל דאס אז דער הייליגער בעל שם טוב איז בכלל נישט געווען באזארגט וויאזוי ער גייט האבן א סדר אין אינסטאנבול, ער האט זיך פארלאזט אינגאנצן אויפן אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אויף גאר א וואונדערליכן אופן (פאר די גאנצע מעשה זעט אינעם גליון היכל הקודש פון שביעי' של פסח).

גלייך נאך יום טוב איז מען אריין אינעם "שבת נָאך פסח". מען האט געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה איז פארבליבן אויף שבת אין שטעטל, און גערעדט מיט אנשי שלומינו טייערע דיבורים. פרייטאג צונאכטס האט דער ראש ישיבה געדאווענט אין בית המדרש פעולת הצדיק אויף די רעדקליף גאס.

אינדערפרי פארן דאווענען איז געווען זייער א געשמאקע וועטער, דער ראש ישיבה האט זיך ארויסגעזעצט אינדרויסן צווישן די ביימער און געלערנט מיט זיינע קינדער אפאר שעה זוהר הקדוש.

נאכן דאווענען איז געווען א קידוש, דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט די דרייצנטע מעשה פון די בוים וואס אלע קענען זיך דארט געפונען דאס פלאץ. דער ראש ישיבה האט גאר שטארק אויפגעפאדערט אנשי שלומינו אז מען דארף זען צו קענעןליידן איינער דעם אנדערן, מען דארף יעדן ליב האבן, און אויב קען איך איינעם נישט ליידן איז עס מיין פראבלעם, נישט יענעמ'ס פראבלעם. נו וואס קען מען טון אז מען קען יענעם נישט ליידן? די עצה איז 'התבודדות', בעט דעם אייבערשטן: "הייליגע באשעפער פארוואס קען איך יענעם נישט ליידן, וואס גייט פאר מיט מיר, העלף מיר איך זאל יעדן ליב האבן".

אויך אינדערהיים דארף מען זען נישט צו מאכן א חילוק צווישן די קינדער, מען דארף ליב האבן אלע קינדער צוגלייך, אפילו איינער איז מער געלונגען פונעם אנדערן. עס איז זייער נישט קיין שיינע זאך ווען מען האט ליב מער איין קינד פון א אנדערע. און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "מיט התבודדות קען מען פועל'ן צו ליבן אלע קינדער די זעלבע".

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ע' אז אלעס קומט פון די ערד, און אלעס ציעט צו די ערד. אז מען ווארפט ארויף א באלי וועט דאס גלייך צוריק אראפ פליען צו די ערד. די צדיק וואס איז צוגעגליכן צו ערד האט אויך די כח אז אלע ציען צום אים, איי מען זעט דאך אז נישט אלע קומען צום צדיק הערן די שיינע עצות און חיזוק? דאס איז וויל מען האט געהערט ליצנות אויף דעם צדיק, במילא האט מען אוועקגעשטופט דעם מענטש פונעם צדיק, אבער גלייך ווען די ליצנות וועפט אויס קומט מען צוריק צום צדיק - אזוי ווי די באלי וואס פליעט צוריק אראפ צו די ערד.

און דאס איז געווען די כח פון די משכן וואס די צדיק משה רבינו האט אויפגעשטעלט, עס האט געצויגן אלעמען אהין, און ווער עס איז געקומען אהין האט אנגעהויבן שפירן א געוואלדיגע לעכטיגקייט אז דער אייבערשטער האט אים ליב, און ער קען שטענדיג צוריק קומען צום אייבערשטן, אפילו ער האט געטון די ערגסטע זאכן רחמנא לצלן, נעמט מען אים נאך דער אייבערשטער צוריק צו זיך.

נאך שבת האט זיך דער ראש ישיבה ארויסגעלאזט אויף א נסיעה קיין פוילן צו מקומות הקדושים, מיט די אינגעלייט וואס האבן אריינגעברענגט פינף טויזענט דאלער ביים פאריעריגן קאמפיין.

די הערליכע יום טוב טעג וועט זיכער נישט פארגעסן ווערן, און וועט בלייבן איינגעקריצט אין הארצן, און דאס וועט מען מיטנעמען אויף ווייטער, צו קענען אנגיין מיט פרישע כוחות במשך די גאנצע יאר.

# וואו ליגט די צוקער?



משה ארי׳ שניטצלער

ווי אזוי ווייסט א מענטש וואס צו טון? ווי אזוי ווייסן מענטשן וואס איז נארמאל?

און בכלל וואס מיינט די ווארט נארמאל? ווען איז מחייב אז צוואנציג מענטשן פון מיין מעכטיגע קליקע אין מיין לאקאלע בית המדרש האלטן אז ס'איז נארמאל צו פארן יעדע יאר פאר איין וואך וואקאציע קיין דובי.

ווען איז מחייב אז אזוי סאך מענטשן לעבן א קרעדיט קארד לעבן, א געבארגטע לעבן, א לעבן פאר יענעם.

וויפל קרעדיט קארדס איז נארמאל?

ביי טייל מענטשן איז נארמאל אז מ'קען נישט אנהייבן עסן די סטעיק אין די רעסטאראנט ביז מ'לייגט עס אויף סטעטוס, ווייל טייל "נארמאלע" מענטשן קומען אין סטעיק האוז, נישט צו עסן, נאר אז יענער זאל פלאצן. און טייל מענטשן פארן אויף וואקאציע נאר ווייל יעדער זאל וויסן אז איך בין אויף וואקאציע, און אויב מ'וועט נישט וויסן, אינדזשוי איך עס נישט.

נו, זאג שוין, וואס איז נארמאל?

איך גיי דיר נישט זאגן וואס איז נארמאל. נאר איין זאך קען איך דיר זאגן, אויב מיר וועלן נעמען שכל פון די הייליגע תורה, פון צדיקים, וועלן מיר אלע ווערן נארמאלע געזונטע פרייליכע מענטשן.

אין די תורה שטייט וואס איז נארמאל!

אין די תורה שטייט אז א מענטש וואס פרעגט יעדע זאך פון דעם אייבערשטן, איז געזונט, שטארק און פרייליך.

שמועסן מיט'ן אייבערשטן איז נארמאל. "הייליגער באשעפער זאל איך טון אזוי? אדער אזוי?"

אין שמחה כהתרת הספיקות, א מענטש וואס פרעגט נישט זיינע זאכן פון דעם אייבערשטן קען נישט זיין פרייליך.

עמלק איז בגימטריא ספק.

ביי דוד המלך שטייט ויברך דוד את השם, ראשי תיבות ודאי.

א צדיק לעבט מיט א זיכערקייט "דער אייבערשטער איז דא און ער היט מיך פון אלעם שלעכטס". איינער וואס לעבט נישט מיט רעדן צום אייבערשטן האט א גאנצן צייט ספיקות, וואס גייט זיין? וועלעכע באנק גייט די נעקסטע קראכן? וואס זאל איך טון? ווי הויך דארף זיין מיין שטריימל? ווי טייער דארף זיין מיין קאר? וויפל ביימער דארף איך ביי מיין סאמער האוס? וויפל צדקה דארף איך געבן? וואו זאל איך זיין פסח? וואו זאל איך זיין פורים? וואס וועלן מענטשן זאגן אויף מיר?

א מענטש וואס רעדט נישט צום אייבערשטן, קען זיין פרייליך פאר א שעה, א טאג, א וואך, אבער ס'האט א עקספייערישן דעיט. ווען די געלט, אדער אנדערע זאך וואס מאכט אים פרייליך אויפן יעצטיגן מאמענט גייט אוועק, מוז ער זוכן א אנדערע "פרייליך-מאכער". און אזוי זוכט מען



זיבעציג יאר נאך און נאך א נייערע און בעסערע "פריילך-מאכער", און ווען מ'איז שוין אלט און שוואך האט מען א מיליאן פיקטשערס פון אלטע וואקאציעס מיט שיפן און עראפלאנען און באנק סטעיטמענטס און מ'זוכט נאך אלץ א בעסערע און נייערע "פריילך-מאכער".

ווי אזוי פרעגט א מענטש דעם אייבערשטן וואס צו טון?

פשוט! יעדן צופרי' זאגט מען "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל טון וואס איז גוט אין דיינע אויגן"

הייליגער באשעפער, וואס איז גוט פאר מיר? א יוזד וויהיקל? מיט א בלינדע העד לייט? מיט א גארטל אויף די באמפער? מיט סקאטש טעיפ אויף די שפיגל? מיט א רעדל אויפ'ן דאך? אדער א גע'ליעס'טע שמעקעדיגע קריספי ראפאגאש יוקאן דינאלי?

הייליגער באשעפער איך וויל נעמען אזא קאר וואס דער אייבערשטער האלט אז ס'פאסט פאר מיר. נישט מער און חלילה נישט ווייניגער!

***

תשס"ט זעמיר געווען זומער אין די ערשטע ברסלב'ע קאנטרי, אין סוואן לעיק.

תש"ע איז די ברסלב'ע קאנטרי געווען אין מאונטענדעיל.

תשע"א זעמיר געווען ערגעץ אין ווייסעכווי צווישן ווארטסבארא בארג און עללענוויל.

תשע"ב, תשע"ג, תשע"ד, תשע"ה, זעמיר געווען אין "ערנפעלד'ס". דארט האב איך געהאט די זכי' אז הערשעלע האט דארט געמאכט זיין סיום הש"ס.

(יוסעלע'ס סיום הש"ס איז געווען ביי זיין בר מצוה אין סאמבאטהעל אויף פען סטריט, ברוך השם מיר האבן געהאט די זכי' אז מוהרא"ש איז געקומען צו די בר מצוה, מיט די שטריימל, ס'איז געווען מוצאי' שבת קודש. ביי הערשי'ס בר מצוה, אין ריווער טעראס, איז מוהרא"ש נישט געקומען, ווייל ס'איז געווען דאנערשטאג נאכט, ווען מוהרא"ש גיט א שיעור. אגב, דארט אין סאמבאטהעל איז אויך געווען מיין אייגענע תנאים און שבת שבע ברכות).

תשע"ו זעמיר געווען ביי ווינטרויב.

וואס הייסט "געווען ביי ווינטרויב"?

ווי אזוי קומט מען אן צו ווינטרויב?

פרעגט נישט!

דאנערשטאג, די טאג וואס דערררררווילעם גייט אין קאנטרי, האט מיין וועג צו קאנטרי נאך נישט געהאט קיין נאמען, מיין וועג צו די קאנטרי האט יענעם צופרי' געהאט מער שייכות צו תפלה ווי צו פיר רעדער. "הייליגער באשעפער העלף אונז אנקומען אין קאנטרי, הייליגער באשעפער העלף אונז אנקומען אין קאנטרי, הייליגער באשעפער העלף אונז אנקומען אין קאנטרי".

צוביסלעך הייב איך אן צו טראכטן אז א חלק פון תפלה איז אויך אז ס'איז דא מצבים וואס דער אייבערשטער הייסט 'גיי פרוביר צו טון וואס דו קענסט'. איך נעם א קאר סערוויס און איך רייס אריין צו ענטערפרייז אויף מעקגינעסס בולעווארד. איך בעט



בר מצוה פון מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו



די קלענסטע ביליגסטע קאמפעקט וויהיקל. (ווי זאגט יענער, געלט איז נישט קיין פראבלעם, ס'איז במילא נישט דא.....)

וואס איז געווען מיין חשבון? פרעגט מיך נישט! (אפשר האב איך געטראכט צו מאכן דריי און צוואנציג ראונד טריפס אין די נעקסטע פיר טעג...... און אזוי אריבער פירן מיינע אכט און אכציג אייער-באקסעס)

אזוי, בין דאשקע ל'דאשקע, שטייט דארט א אינגערמאן און איז זייער היימיש מיט די ענטערפרייז חברה, ער הייבט אן שמועסן מיט מיר זייער געשמאק און פריינטליך. ער פרעגט וואס איך נעם? זאג איך א קאמפעקט וויהיקל. וואו פלאנסטו צו פארן מיט דעם קליינעם בראנפן-גלעזל-קארעלע? זאג איך אים איך דארף פארן מיט מיין משפחה אין קאנטרי.

ער פרעגט מיך ווי אזוי? זאג איך אים איך ווייס נישט.

איך האב געזען אז ער הערט מיך אויס זייער הארציג, ס'האט אויסגעזען ווי ער וויל מיר העלפן. האב איך אים געגעבן א לייג צו "מיינע קינדער בעטן דעם אייבערשטן א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט אייבישטער העלף טאטי זאל האבן א מעכטיגע יאממי קאר".

ער געט א זאג, אה, דו ביסט פון יענע חברה? דו ביסט פון ברסלב? איך רעספעקט ענק! שטיי אין די זייט, דו ביסט מסודר.

איך טראכט צו מיר, יא? ניין? שטיי אין די זייט? ער מאכט שפאס? אבער מיין געוויסן האט מיר געזאגט אז ער איז יא מיט מיר.

ער הייבט אן זיך שושקענען מיט די חברה דארט. נאך א פאר מינוט זאגט מען מיר ווארט אינדרויסן. איינער פון די חברה גייט ארויס און זעצט זיך אריין אין א ווייסע ברענד ניו שעווי טרעווערס.

איך טראכט צו מיר, יא? ניין? שטיי אין די זייט?

אזוי ווי איך ישוב זיך ברענגט ער דעם טרעווערס צו וואו איך שטיי, און זאגט "דיס איז פאר יו".

איך זאג אים "טענק יו! גאד בלעס יו!" איך זעץ מיך אריין און מיין קאפ איז דיזי פון די מעשה פון תפלה וואס איז דא געשען מיט מיר.

דער אינגערמאן האט מיר געגעבן א טרעווערס פאר א פרייז וואס מאכט נישט קיין טראפ סענס!!!! כ'האב אים געגעבן א שיינעם טיפ, און ויסעו.

אויפ'ן וועג אראפ ביי לי עוועניו האב איך איינגעהאנדלט אביסל אוועקאדא, איינגעדרייט אין רייז אזוי ווי מ'פירט זיך אין יאפאן. מ'האמיר עס טובל געווען אין ציפעדיגע מעיאנעיז. איך האב עס געמוזט טון אז איך זאל האבן כח צו קייען פאטעיטא טשיפס פאר די גאנצע דריי שעה פון וויליאמסבורג ביז וויינטרויב.

איך קום צו מיין הויז מיט די ווייסע טרעווערס און די קינדער האבן שיעור נישט גע'חלש'ט! אזאנס האבן זיי נישט געהאט אין זייער לעבן! אזא מעשה פון תפלה!

פאר לאנגע חדשים האבן אלע






קליינע קינדער געבעטן יעדן טאג ”באשעפער העלף טאטי זאל האבן א ”נייע“ מעכטיגע מיניוואן“ און דא זעען זיי די גרעסטע מופת אין זייער לעבן! זיי שטייען אן לשון!

אזוי ווי איך האב געהאט די טרעווערס פאר די רענטל פרייז פון א קאמפעקט, האב איך געקלערט עס צו האלטן פאר די צוויי חדשים פון זומער (מיט א טיפ פאר'ן אינגערמאן וואס האט מיר געהאלפן)

פון דעם ווייסן שעווי טרעווערס האב איך די ערשטע מאל באקומען אפעטיט צו אפגרעידן פון יוזד צו גע'ליעס'ט.

ברוך השם דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז איך האב געטראפן א מורה דרך מיט וועם אדורך צו רעדן מיינע פינאנציעלע אנגעלעגנהייטן, (דאס איז דער זעלבער מורה דרך וואס האט ”געברעינוואשד“ מיינע קינדער אז אידישקייט איז זיס, און אז די תורה איז די לעבן ליידיג ווי א זיסע קאטן-קענדי) און נאך סוכות איז געבליבן אז מ'גייט נעמען א ליעס. דעמאלטס האב איך באקומען א פארד עקספלארער, נאך צוויי יאר בין איך געגאנגען צו א קיע סודאנע, וואס איך האב געהאט פאר דריי יאר, ברוך השם.

שכח אייבערשטער אז דו האסט צוגעהערט מיינע תפלות צו האבן א גע'ליעס'טע קאר, נישט קיין יוזד.

יענע זומער האט מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו געזאגט עפעס א דרשה, איך האב עס איבערגעהערט זייער אסאך מאל, קורץ געזאגט און צו דער זאך, שיין אראפגעלייגט די זיסקייט פון די דרך הלימוד.

ס'איז געווען דוכט זיך ביי איינעם'ס סיום, אדער ביי יענקי'ס אייגענע סיום, הערליך גערעדט, איך האב באוואונדערט ווי א יונגער בחור רעדט אזוי תכלית'דיג, אזוי ”באדעם ליין גערעדט“, וואס האב איך אין די הענט אין די ענד אוו די דע'.......

דעמאלטס איז אויך מקורב געווארן א בחור וואס האט אהער געברענגט א צווייטן.

דאס הייסט אזוי, ס'איז געווען מוצאי שבת קודש, ס'איז געווען צווי בחורים וואס איינער האט געדרייווט און דער צווייטער איז ערגעץ געפארן מיט אים, למשל מושי דרייווט און חיים פארט מיט אים.

למעשה האבן זיי געמאכט א סטאפ אין וויינטרויב, חיים איז אריין פאר א פאר מינוט, און מושיווארט אין קאר, אזוי ווארטנדיג טראכט ער אפשר קען מען דא נעמען א קאווע.

ער קומט ארויס פון קאר און גייט אריין אין שול ווי דער ראש ישיבה זאגט א דרשה און הייבט אן מאכן א קאווע.

אפגעמאכט די קאווע, און ער קוקט וואו איז די קאפצקע צוקער, ער שטייט אזוי מיט די קאווע אין די האנט און קוקט און זוכט צוקער.

וואו ליגט די צוקער?

”רעד צום אייבערשטן וועסטו האבן א צוקער'דיגע לעבן“ הערט ער א פריינטליכע תקווה'דיגע שטומע.

”זאג פאר'ן אייבערשטן אלעס וואס ליגט אויף דיין הארץ“ , הערט ער א בת קול.......

”דערציייל דעם אייבערשטן אלע דיינע מעשיות פון ווען דו ביסט געבוירן ביז היינט, דיין כתה ב' רבי, כתה ח' רבי, דיין חבר וואס האט דיך פארשעמט, דיין באס דרייווער וואס האט דיך איבערגעלאזט, דיינע דורכפעלער, אלעס דערציייל דעם אייבערשטן“

נאך צען מינוט הערן צויבער ווערטער וואס לייגט צוקער אויף די נשמה, כאפט ער זיך אז עפעס ליגט אים אין די האנט, אוי, איך האלט דאך א קאווע, אוי די קאווע הייבט אן צו ווערן אויסגעקילט און מיין הארץ הייבט אן צו ווערן אנגעווארעמט פאר'ן אייבערשטן און זיינע זיסע מצוות. מיין נשמה הייבט אן פלאקערן אז איך בין די חשוב'סטע, וויכטיגסטע, שענסטע זאך ביים אויבערשטן.

”א מענטש וואס לעבט מיטן הייליגן רבי'ן איז נישט דא קיין פראבלעם וואס ער קען נישט פאררעכטן, יעדע זאך קען מען ביים רבי'ן פאררעכטן“, זאגט דער ראש ישיבה.

די קאווע איז קאלט, מיין נשמה איז זיס, די צוקער איז נישט וויכטיג, איך בלייב אין די יאממי פלאץ, האט מושי מחליט געווען אויפן פלאץ.



# "מעשיות פון תפילה"

### אברהם צבי וועבערמאן - קרית ברסלב:

מיין דירה וואס איך דינג ארויס האט אנגעהויבן צו באקומען א גערוך פון שימל, וואס טוט מען דא? וואו הייב איך אן זוכן צו פארריכטן דעם פראבלעם? וואו שימלט?

אבער די ערשטע זאך וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס צו טון איז תפילה, האב איך גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן "הייליגע באשעפער העלף אז די שימל גערוך זאל אוועקגיין אינגאנצן כאילו לא הי', און אויך זאג איך צו אז איך וועל דאס מפרסם זיין אינעם בלעטל". פון דארט און ווייטער האב איך נישט געטון קיין שום פעולה דאס צו פארריכטן, נאר תפילה.

עס איז אדורך אפאר וואכן און איך גיי נאכאמאל אראפ צו די דירה און די דירה שמעקט פיין פריש ווי גארנישט וואלט געווען. שכח אייבערשטער.

### יואל מאשקאוויטש - קרית טאהש:

איך האב שוין געדארפט האבן נייע העמדער - נאכדעם וואס מיין אלטע האט שוין אפגעדינט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן פרישע העמדער לכבוד יום טוב און אויף א גאנץ יאר. אביסל נאכדעם האט איינער געשיקט א מעסעדזש אז ער האט געקויפט זיבן נייע העמדער וואס איז נישט זיין סייז, אויב איינער דארף עס זאל זיך מעלדן. איך האב אים גלייך גערופן און עס האט זיך אויסגעשטעלט אז דאס איז געווען מיין סייז, און די העמדער איז הערליכע שיינע נייע העמדער.

### שמעון עוזר גרינפעלד - וויליאמסבורג:

איך האב געדארפט האבן א גרויסע סכום געלט פאר אפאר הוצאות וואס האט זיך געמאכט, איך האב מיר געהאט גערעכנט אויף געלט וואס דארף קומען פון די שטאט, אבער עס איז למעשה קיינמאל נישט אנגעקומען. איך האב געטשעקט מיט זיי וואו די געלט איז, און זיי האבן געזאגט אז עס ליגט שוין ביי מיר, אבער איך ווייס דאך אז עס ליגט נישט ביי מיר, וואס טו איך דא?

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן געלט צו קענען זיך א ריר געבן, איך בין דא געדרוקט פון אלע זייטן. "הייליגע באשעפער העלף מיר, איך פארלאז זיך נאר אויף דיר, קיינער קען מיר נישט העלפן, איך ווייס אז די שטאט קען מיר נישט העלפן, נאר דו אליין קענסט מיר העלפן. איך האב מיר גוט אויסגעבעטן ביים אייבערשטן".

אביסל נאכדעם האב איך געטראכט אפשר זאל איך נאכאמאל געבן א טשעק אויב די געלט ליגט שוין אין מיין אקאונט, ווייל זיי זאגן דאך אז עס ליגט ביי מיר. איך עפען אויף מיין באנק און יא שכח אייבערשטער די געלט ליגט דארט גרייט פאר מיר צו ניצן לכבוד יום טוב.

### בערל שניטצלער - קרית ברסלב:

איך האב די זכי' צו זיין א מלמד אין שטעטל פאר די קינדער פון כיתה א'. איך האבן געלערנט מיט די קינדער עברי', און ברוך השם אלע קינדער האבן אויפגעכאפט, אזוי אויך מיט די נקודות איז אלעס אריבער פיין. ווען עס איז געקומען צו לערנען ווערטער האט זיך אויסגעשטעלט אז אפאר קינדער האבן דאס בשום אופן נישט געקענט אויפכאפן. עס האט אנגעהויבן ווערן א קאטאסטראפע אין קלאס, מען דארף גיין ווייטער אבער מען קען נישט גיין ווייטער, ווייל די קינדער דערלערנען זיך נישט.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די קינדער זאלן זיך דאס קענען אויסלערנען גרינגערהייט, כדי מען זאל ווייטער קענען גיין מיט די לימודים.

נאך אפאר וואכן בעטן דעם אייבערשטן האב איך אנגעהויבן זען וואונדער, די קינדער האבן זיך צוביסלעך אנגעהויבן מיטכאפן מיט די גאנצע קלאס כאילו לא הי', און עס האט אנגעהויבן פארן געשמירט די לערנען.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שִׂמְחָה; מַיין טַאטֶע הָאט גֶעמַאכְט שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר מַיין שְׁוֶועסְטֶער. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ בִּזָיוֹן, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר **זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן** וָואס הָאט פַּאסִירְט שַׁבָּת וֶוען מֶען הָאט דִיר פָארְגֶעהַאלְטְן אוּן דִיר פַארְשֶׁעמְט פַארְ'ן צוּגֵיין צוּם עָמוּד צַייטְלִיךְ'; אִיךְ דַאנְק דִיר אַז דוּ בִּיסְט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גֶעדַאוְונְט, אִיךְ טוּ דָאס שׁוֹין כִּמְעַט פוּפְצְן יָאר כְּדַאי דֶער מִנְיָן זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם. **דִי יְסוֹד פוּן אַ שׁוּל אִיז 'זְמַנִים'**; אוֹיבּ שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ דַאוְוענֶען אוֹיף אַ בַּאשְׁטוּמְטֶע צַייט הָאט דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הַצְלָחָה, אָבֶּער אַז נִישְׁט - צֶעפַאלְט עֶס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דֶעם לֶעצְטְן נִסָּיוֹן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: **"וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין אַלֶעס אִיבֶּער, שְׁטֶעלְט מֶען מִיר פַאר אַ נִסָּיוֹן"**; אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין בַּיים רֶבִּי'ן, מֶען אִיז אַלֶעס בֵּייגֶעקוּמֶען אוּן מֶען הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן טְרָאץ אַלֶע מְנִיעוֹת, דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן אַ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

זֶע צוּ זַיין פוּן דִי מַשְׁפִּיעִים אוּן נִישְׁט פוּן דִי מְקַבְּלִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין ח:): **"אֵידִי דִטְרִידִי סִימָנִין לַאֲפוּקֵי דָם - לָא בָּלְעֵי"**, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט צוּ אַרוֹיסְגֶעבְּן נֶעמְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין זִיךְ קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס; לֵייג צוּ אַ הַאנְט פַאר הַפָּצָה, כַאפּ אַ זְכוּת אוּן נֶעם עֶפֶּעס אוֹיף דִיר וָואס דוּ וֶועסְט דָאס טוּן. דוּ דַארְפְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט פְרֶעגְן רְשׁוּת, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, שִׁיעוּרִים וְכוּ' וְכוּ'; דָאס אִיז הֶפְקֵר פַאר אַלֶעמֶען, וֶוער עֶס וִויל דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוּן טוּן - תָּבוֹא עָלָיו בְּרָכָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## דִי סְפִירָה טעג

### חֵלֶק א'

**אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן גֶעזָאגְט:**

אין די ספירה טעג האלטן מיר אבילות אויף די פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים פון דעם הייליגן תנא רבי עקיבא וואס זיי זענען אויסגעשטארבן אין די טעג פון ספירה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (יבמות סב:): **"שְׁנַיִם עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבִּי עֲקִיבָא"**, פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים האט רבי עקיבא געהאט, **"וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם"**, און אלע פון זיי זענען געשטארבן אין איין צייט ווייל זיי האבן זיך נישט מכבד געווען איינער דעם צווייטן, און די וועלט איז געווען דעמאלט וויסט פון תורה.

דער הייליגער רבי נתן פלעגט זיך פירן אין די טעג פון ספירה צו זאגן צוויי מאל א טאג דעם יום תהלים, ווייל דער רבי האט אונז מגלה געווען דאס גרויסקייט פון זאגן תהלים (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן עג): **"מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה"**, תהילים איז מסוגל צו תשובה און צו טרעפן די שער, די טיר וואו אנצוקומען, ווייל עס איז דא פופציג טויערן פאר תשובה; דאס קען מען יעצט זוכה זיין אין די ספירה טעג.

דער עיקר דארפן מיר פארדעכטן אין די טעג דעם ענין פון בין אדם לחבירו, אכטונג געבן אויף א צווייטן, אכטונג געבן אויף יענעמס געפילן; אזוי וועלן מיר זוכה זיין אויסגעלייזט ווערן פון אונזער גלות.



# א מעשה פון א צדיק

## לִיבְשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידִים

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה אִין דִי שְׁטָאט הִיבְנוּב, צְוֵוי שְׁנַיידֶערְס הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוּן דִי מַחֲלֹקֶת אִיז גֶעוָוארְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער בִּיז אֵיין שְׁנַיידֶער הָאט גֶע'הַרְגֻ'ט דֶעם צְוֵוייטְן שְׁנַיידֶער. פּוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דוּרְךְ גֶעפָארְן אִין יֶענֶעם גֶעגְנְט.

וֶוען עֶר אִיז דוּרְךְ גֶעפָארְן דִי שְׁטָאט רַאוֶוע הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעלָאפְן אַ גְרוֹיסֶע עוֹלָם צוּ נֶעמֶען שָׁלוֹם פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, הָאט דֶער בֶּעלְזֶער רָב גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט גֶעבְּן שָׁלוֹם פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט הִיבְנוּב, קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּצוּקוּמֶען צוּ אִים; דֶער עוֹלָם, הֶערְנְדִיג דָאס, הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת: 'וָואס זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג, אִישׁ אֶחָד יֶחֱטָא וְעַל כָּל הָעֵדָה תִּקְצוֹף? אַז אַ שְׁנַיידֶער הָאט גֶעוָוארְפְן אַ מֶעסֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן שְׁנַיידֶער אוּן אִים גֶע'הַרְגְ'ט, וָואס הָאט דָאס מִיט אוּנְז?'

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זי"ע גֶעזָאגְט: "וֶוען חֲסִידִים שְׁטֶעכְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מִיטְ'ן מוֹיל דֶעמָאלְט קֶען פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז אַ שְׁנַיידֶער זָאל וַוארְפְן אַ מֶעסֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן"; **מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה:** "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁטֶעכְן אַנְדֶערֶע; נוּצְט נִישְׁט דֶעם מוֹיל צוּ וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, נָאר צוּ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ : "מִיט וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען זֶעט בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען רֶעדְט שַׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן", דֶעריבֶּער זֶעט מֶען בַּיי אוּנְז גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים".



הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא, זי"ע

(עצתו אמונה - א' ויגש, ב' ר"ח טבת, ז' דחנוכה, תש"פ)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- כ"ח -

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען אִים אַלֶעס נָאכְצוּגֶעבְּן, אַבִּי עֶר זָאל נָאכְגֶעבְּן פַארְ'ן יֵצֶר הָרַע נָאר אֵיין זַאךְ. אָבֶער עֶר הָאט גֶעזָאגְט פּוּנְקט פַארְקֶערְט, אַז עֶר אִיז גְרֵייט אַלֶעס אָפְּצוּלָאזְן, אוּן נָאר דַוְקָא אִין דִי זַאךְ וֶועט אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן עֶס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן.

***

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ טַאקֶע גֶעפִירְט אִין אָנְהוֹיבּ, אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט נָאר אִין דֶעם, צוּ צוּבְּרֶעכְן זַיין יֵצֶר הָרַע, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, אוּן עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת, צוּ אַרְבֶּעטְן זֵיי צוּ צוּבְּרֶעכְן.

לְמָשָׁל אוֹיף תַּאֲוַת אֲכִילָה הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט דֶעמָאלְט. פַארְקֶערְט, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר אַסַאךְ, פִיל מֶער וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דֶעמָאלְט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַלֶע תַּאֲוֹות אַרַיין אִין תַּאֲוַת אֲכִילָה. אָבֶער צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוֹיךְ אִין תַּאֲוַת אֲכִילָה.



דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעאַרְבֶּעט, מִיט גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת אָן אַ צָאל, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן. עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַסַאךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּ אִים, עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן עֲבֵירוֹת, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֶמֶת'דִיג הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, מִיט אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָּׁה.

בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט צוּם סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען בֵּייצוּשְׁטֵיין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אַז עֶס אִיז אִים שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער אוֹיף אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז סְ'אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, וַוייל דֶעמָאלְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין תַּאֲוָה.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דִי מִיאוּס'קֵייט פוּן עֲבֵירוֹת. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אִין דֶעם, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי מְגֻשָּׁם אַז זֵיי קֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי עֶקְלְדִיגְקֵייט פוּן טוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוער סְ'הָאט נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵייט דָאס, אוּן פַאר אִים אִיז דָאס גָאר אַן עֶקְל צוּ קֶענֶען דוּרְכְפַאלְן אִין אַן עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם.

אַזוֹי וַוייט, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז סְ'מוּז זַיין אַז סְ'אִיז דָא עֶפֶּעס אַ סוֹד אִין דֶעם אַז דָאס אִיז בִּכְלַל אַ תַּאֲוָה, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין תַּאֲוָה, וֶוער סְ'אִיז נָאר אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶער חָכָם, פַארְשְׁטֵייט דָאס אַלֵיין.

וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ, צוּ אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ דִי תַּאֲוַת אֲכִילָה, אִיז אִים דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל וִוי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר הָאט עֶר פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם בִּכְלַל, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף תַּאֲוַת אֲכִילָה אִיז אִים דָאס אָנְגֶעקוּמֶען אוּמְגֶעהוֹיעֶר שְׁוֶוער.

אַזוֹי וַוייט אַז סְ'הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִין אַלֶע אַנְדֶערֶע הִינְזִיכְטְן, וֶועט עֶר אָבֶער נִישְׁט בַּאוַוייזְן זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִין תַּאֲוַת אֲכִילָה, מִיט דִי תַּאֲוָה וֶועט עֶר שׁוֹין מוּזְן בְּלַייבְּן פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי שְׁוֶוער אִיז אִים דָאס גֶעוֶוען. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן דֶערוֹיף, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם סוֹף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אוֹיךְ אִין דִי תַּאֲוָה. וִוי יֶעדֶער הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזֶען אַז עֶר פְלֶעגְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט עֶסְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט צְווִינְגֶען צוּ עֶסְן קוֹים עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



# א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה
## פרשת ויקרא - תשפ"ג

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן א הערליכע שבת'דיגע סעודה די וואך פרשת ויקרא מיטן ראש ישיבה שליט"א.

ווען איך בין אריינגעקומען האט מיך דער ראש ישיבה באגריסט מיט א פרייליכן גוט שבת! גוט שבת! דער ראש ישיבה האט מיך געוויזן ווי זיך צו אראפזעצן און דערנאך האט מען אנגעהויבן זינגען זמירות. דער ראש ישיבה האט געוואלט אז די קינדער זאלן מיטזינגען, האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט אז ווער ס'וועט זינגען שיין וועט באקומען פיש זאפט, אלע קינדער האבן געשמייכלט און אנגעהויבן זינגען הויעך.

נאכן זינגען זמירות האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים און ארומגעשיקט פאר יעדעם צו שמעקן, און דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז צדיקים ווערן אנגערופן הדסים, אזוי ווי מען זעט אז אסתר המלכה האט געהייסן הדסה.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די וואך וועט יוסף אויפהייבן די בעכער. דער ראש ישיבה האט פרייליך געמאכט און אים גערופן יוסף מוקר שבת, דערנאך האט דער ראש ישיבה אנגעגאסן די בעכער און געמאכט קידוש. נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערופן אלע קינדער צו די סינק און דער ראש ישיבה האט זיי געוואשן, אויך די קליינע יחזקאל איז געקומען און דער ראש ישיבה האט אים געוואשן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געמאכט המוציא און די בחורים און חתונה געהאטע קינדער האבן אויך געמאכט המוציא אויף די לחם משנה, און דערנאך האט דער ראש ישיבה אויפגעשניטן די חלות און אראפגעשיקט פאר יעדעם איינעם. דערנאך האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון די קינדער זאלן אריינברענגען א סאוער דאו חלה וואס איינער האט געשיקט פאר דער ראש ישיבה פאר שבת, דער ראש ישיבה האט עס אויפגעשניטן און געגעבן פאר ווער ס'האט געדארפט, דערנאך האבן די קינדער אריינגעברענגט די טעלערס פיש.

איינער פון די קינדער האבן זיך געשפילט מיט שפילצייג ביי די טיש, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו אים שטרענג אז שפילצייג קומט נישט אויף א טיש, מען לייגט נישט קיין שפילצייג אויפן טיש.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער אז מיט יעדע שטיקל חלה וואס מען עסט האט מען א מצוה, ווייל מען רוימט אויס די חמץ פאר פסח. נאכן ענדיגן עסן די פיש האט דער ראש ישיבה ארויסגעטראגן זיין פיש טעלער, און ווען ער איז צוריקגעקומען האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון די קינדער זאל אים ברענגען מאמי'ס גלעזל און דער ראש ישיבה האט געשיקט פאר איר גרעיפ דשוס מיט סעלצער.

איינער פון די געסט וואס האבן דארט געגעסן האט פארציילט אז זיין ווייב איז יעצט אין אשת חיל און זי האט געהאט א אינטערעסאנטע מעשה דארט. זי האט גערופן בעטן אז מען זאל איר ברענגען איר בעיבי, און ס'איז אריבער צען מינוט, פופצן מינוט, א האלבע שעה און די בעיבי איז נאכנישט אנגעקומען, האט זי גערופן נאכאמאל בעטן. אפאר מינוט שפעטער האט א נורס געברענגט די בעיבי, און די נורס פרעגט איר, דו ביסט ברסלב? זאגט זי יא. זאגט איר די נורס מען קען גלייך זען ווער ס'איז א ברסלבע פרוי, ווייל א אנדערע פרוי וואלט זיך גערעגט און איר אנגעשריגן פארוואס ס'נעמט אזוי לאנג. האט דער ראש ישיבה געזאגט אויף דעם אז דאס איז א שיינע מעשה.

שפעטער האט דער ראש ישיבה פארציילט אז יעצט נאך פסח גייט זיך עפענען אין שטעטל א ברסלב'ע קימפעטארן היים, אנגעפירט דורך מרת אפפעל. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינעם: "לאך נישט פון מיך, דו האסט שוין געלאכט ווען איך האב געזאגט אז איך גיי עפענען א שטעטל, און אויך שפעטער ביי די מצה בעקעריי".

דער ראש ישיבה אנגעפאנגען זינגען זמירות און אינמיטן זינגען האט מען אריינגעברענגט די בונדלעך. איינער פון די קינדער האט

<<<<



געפרעגט, טאטי, פסח עסט מען בונדלעך? האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט, ס'איז א גוטע קשיא, באלד נאכן זינגען וועל איך דיך ענטפערן. שפעטער האט דער ראש ישיבה מסביר געווען פאר די קינדער אז בונדלעך איז קטניות, און דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט די קינדער און זיי ערקלערט וואס איז קטניות, און פארוואס מען עסט עס נישט פסח.

נאכדעם האט איינער פון די קינדער אריינגעברענגט די זופ, און אינמיטן וועג האט זיך עס אויסגעגאסן אביסל, האט דער ראש ישיבה אים געבעטן אז ער זאל אכטונג געבן, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט אז ער זאל א גאנצן צייט קוקן אויף די טעלער.

נאך די זופ האט דער ראש ישיבה קאמפלימענטירט זיין ווייב אויף די גוטע עסן, דער ראש ישיבה האט איר געזאגט אז די חלה און די פיש און די זופ איז געווען זייער פיין.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געשמועסט פון דעם אז קומענדיגע יאר וויל ער חתונה מאכן זיין זון שמעון נרו יאיר. דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין איידעם נתנאל נרו יאיר, אויב ווען ער קומט אריין פון שטעטל צו די חתונה וועט ער קענען מיטנעמען אלחנן נרו יאיר, ווייל דעמאלסט וועלן זיי שוין ביידע וואוינען אין שטעטל...

דערנאך האט מען אריינגעברענגט די פלייש, קוגל, און פערפל און שפעטער האט דער ראש ישיבה געשמועסט וועגן גיין וואוינען אין שטעטל און דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב אויב אפשר קען מען שוין יעצט נאך פסח בלייבן וואוינען אין שטעטל, און דער ראש ישיבה וועט אריינפארן יעדן טאג צו די ישיבה. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז גלייך נאך פסח פארט דער ראש ישיבה אויף א נסיעה, און נאכדעם קומט ל"ג בעומר וואס מען פארט אויף מירון, און נאכדעם קומט שוין זומער, קען מען שוין בלייבן אין שטעטל פון פסח.

שפעטער האט דער ראש ישיבה נאכאמאל קאמפלימענטירט זיין ווייב אויף די פיינע סעודה, און דער ראש ישיבה האט איר געזאגט אז אלע עסן זענען געווען זייער גוט.

**דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו פארציילן די מעשה פון די פריץ מיט די מאנקי, דער ראש ישיבה האט עס געמאכט זייער אינטערעסאנט פאר די קינדער.**

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערופן אלע קינדער און דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו פארציילן די מעשה פון די פריץ מיט די מאנקי, דער ראש ישיבה האט עס געמאכט זייער אינטערעסאנט פאר די קינדער. ווען דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די פריץ האט דער ראש ישיבה פארציילט אז דער פריץ האט געהאט אזעלכע אינטערעסאנטע שנויצן, און דער ראש ישיבה האט פרובירט עס צו נאכמאכן און ווייזן פאר די קינדער ווי אזוי ס'האט אויסגעקוקט, עס איז געווען אזוי פריילעך אלע האבן געלאכט. דער ראש ישיבה האט געדרייט זיינע שנויצן אויף ארויף אזוי ווי די בילדער וואס מאלן די פריצים און דער ראש ישיבה האט מסביר געווען ווי אזוי ס'האט אויסגעזען די קליידער פון די פריץ, און די קול מיט וואס די פריץ האט גערעדט, די קינדער האבן זיך צוגעהערט פאראגאפט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי אזוי דער פריץ האט געפרעגט דעם איד ווער געבט דיך געלט? האט ער געזאגט דער אייבערשטער! האט דער פריץ געזאגט איך וויל מער נישט געבן קיין געלט פאר דעם איד. איז דער איד געגאנגען און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל האבן געלט פאר פסח.

דער ראש ישיבה האט אראפגעלייגט ווי אזוי דער פריץ זיצט אין זיין שטוב און ציילט זיין געלט און ער קוקט וועלכע רענדלעך זענען עכט, דער ראש ישיבה האט געהאקט מיט די בעכער אויף זיין ציין און נאכדעם אויך מיט די מעסער, און דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר די קינדער אז זילבער מאכט א אנדערע קול ווי אייזן ווען מ'האקט עס אויף די ציין.

דער ראש ישיבה האט ווייטער פארציילט אז דער פריץ האט

<<<<

אנגעהאט אזא סארט קלייד, מ'רופט עס א ניסל קלייד. ס'איז ברייט פון אויבן און אונטן, און שמאל פון אינמיטן, ס'זעט אויס ווי א פינאט ניסל. איז מען אריין אין א שמועס וועגן אלע סארטן ניסלעך, וואס מען עסט יא פסח און וואס מען עסט נישט פסח, די קינדער האבן געפרעגט מיט א שמחה אויב די יאר פסח גייט מען אויך קענען האבן די ניסלעך וואס מען קראכט אויף מיט א ניסל קראכער, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יא. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ביי די כולל מסיבה וואס איז געווען די וואך האט איינער געפרעגט אויב מען דארף קויפן די ניסלעך וואס קומט מיט די שאלאכטס אדער מען קען קויפן די וואס קומט שוין אפגעשיילט. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז אינטערעסאנט, ווייל אונזערע קינדער זענען אזוי פרייליך מיט דעם, מען ווארט א גאנץ יאר אויף עס.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער אויב זיי וויסן ווי אזוי מען מאכט מאסט, דער ראש ישיבה האט זיי ערקלערט אז מען נעמט א שיסל און מען לייגט אריין טרויבן אין דעם, און איינער טוט אויס זיין שיך און זיין זאקן און גייט אריין אריין די שיסל און ער פאנגט אן טאנצן אויף די טרויבן. דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט און זיי מסביר געווען אז צוויי מענטשן שטייען ביי די זייט און זיי העלפן דעם מענטש זיך דרייען, און ס'ווערט אזוי ווי א פוד פראסעסער... אלע האבן זיך געריסן פאר געלעכטער. ס'איז מיר געווען אזוי אינטערעסאנט צו זען ווי דער ראש ישיבה לאזט זיך אראפ צו די קינדער און מאכט זיי פרייליך און ערקלערט זיי און וויזט זיי אז זיי זאלן קענען פארשטיין.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה ווייטער פארציילט די מעשה ווי די מאנקי האט געמיינט אז דער פריץ עסט אויף די געלט, און ער האט נאכגעמאכט דעם פריץ און אויפגעגעסן אסאך גאלדענע רענדלעך, און די מאנקי איז געשטארבן. האט דער פריץ געזאגט פאר די באדינער זאל נעמען די מאנקי און ארייננווארפן אין די פענסטער פון די איד. די קינדער זיצן אינדערהיים ווען אינמיטן הערט מען א קראך!!

די פענסטער האט זיך צוקראכט. אבער די קינדער האבן זיך נישט דערשראקן, ווייל זיי האבן געוויסט אז דער אייבערשטער איז דא...

די פענסטער האט זיך צוקראכט. אבער די קינדער האבן זיך נישט דערשראקן, ווייל זיי האבן געוויסט אז דער אייבערשטער איז דא...

דער ראש ישיבה האט אריינגענומען די קינדער אין די מעשה, דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי למשל אלע קינדער זענען יעצט דארט, און יצחק דוד איז געגאנגען קוקן וואס איז געשען, און רחל לאה האט זיך געעקלט פון די מאנקי, און מענדל איז נישט דארט געווען ער איז געשלאפן, און נחמן נתן איז דעמאלסט געווען ביי באבי ראטה.

ביזדערווייל די גאנצע צייט וואס דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה האט די קליינע בעיבי יחזקאל געוויינט און געקייכט, האט דער ראש ישיבה אים אויך אריינגענומען יעצט אין די מעשה און פארציילט אז ווען מען האט געהערט די קראך האט יחזקאל געוויינט... און פלוצלינג ווען ער האט געהערט אז מען רעדט פון אים, האט ער אויפגעהערט צו וויינען.

דער ראש ישיבה האט ווייטער פארציילט ווי דער איד האט געמאכט א שיינע סדר, און ער האט געהאט א הערליכע יום טוב, ווייל ער האט געבעטן די אייבערשטער!

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון די קינדער זאלן ברענגען מים אחרונים און מען האט געבענטשט.

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה, דאס איז נאר א חלק פון די שיינע שיחות וואס איך האב זוכה געווען צו הערן ביי די לעכטיגע סעודה, אבער די אטמאספער ביי די סעודה דאס קען מען נישט באשרייבן, ס'איז געווען אזוי פרייליך און געשמאק א גאנצן צייט! א מחי' שבת!

# ווער קען זיך?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



ביים ארויסגיין פון היכל הקודש וויליאמסבורג אויף בעדפארד נאכן הכנסת ספר תורה - שנת תשס"ט

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

# טייערע אידן אין אמעריקע



ישראל דוד העסקעל

**אוי** ס'שפירט זיך גן עדן'דיג! מיר זיצן אינאיינעם אחרון של פסח נאכן דאווענען אין בית המדרש היכל הקודש לאנדאן, מיר הערן זיך אזוי צו צו די געשמאקע דיבורים פון מו"ה שלמה זלמן רייס הי"ו, בשעת די חשובע גבאי מו"ה שמחה בלאק הי"ו שטעלט צו פאר דעם עולם קידוש צו מאכן, ס'דאך אחרון של פסח מ'מישט זיך... אוי ס'איז אזוי צוקער'דיג צוריק צו טראכטן צו יענע געשמאקע מינוטן, קיינער האט עס נישט געגלייבט, אבער מ'האט זוכה צו קענען דאווענען אלע תפילות יו"ט אין אונזערע אייגענע שול!

יא, גערעכט די ערשטע טעג האט די מצב נישט אויסגעקוקט אזוי איי איי... די עתיד האט אויסגעקוקט שטארק שטארק פארוואלקנט... וואס וועט דא זיין? - האבן די ווענט געפרעגט... אבער מיר האבן זיך געשטארקט און מיר זענען געווען פרייליך און מיר האבן נאכאמאל און נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל רחמנות האבן אויף אונז!

חסדי השם דער אייבערשטער האט אנגענומען אונזערע תפילות און ס'האט אנגעהויבן רעגענען מענטשן! בלי גוזמא! פון אלע זייטן האבן מענטשן אנגעהויבן קומען צום דאווענען צו קענען באקומען אביסל חיזוק!

און דא שטייען מיר נאכן דאווענען אחרון



של פסח צופרי נישט סתם א דאווענען... א דאווענען מיט א געפאקטע שול, כהנים, לוים, ישראלים, און יעצט זיצן מיר דא ביי די שיעור סיפורי מעשיות. אלע זענען פרייליך און דערהויבן, אלע הערן צו די געשמאקע חיזוק פונעם הייליגן רבי'ן... אונזער חשובע גאסט מו"ה יואל אפפענהיים הי"ו פון שטעטל לאזט נישט אפ, ער מוז וויסן וואס איך נעם מיט אין די האנט נאך דעם שיעור!

אזוי אינמיטן דער גאנצע מצב עפענט איינער דער טיר און קומט אריין - דער אינגערמאן איז אן אלטער חבר מיינער וואס וואוינט היינט אין ירושלים. ער קומט אריין אין שול, אה שרולי וואס מאכסטו שלום עליכם! לאאאנג טיים נאו סי'... וואס גייט פאר? וועלכע בית המדרש איז דאס? איז זוך א מנין צו דאווענען יעצט...
נאכן זיך ארום קוקען א סעקונדע כאפט ער אז דא איז א ברסלב'ע שול! ער כאפט אן מיין ציצית, תכלת? דו מיינסט עס



ערנסט? דו ביזט געווארן א פול פלעדש ברסלב'ער?

יא!

וואס הייסט איך מוז פארשטיין.... וואס איז געשען? וואס איז אויף דיר אדורך? ברסלב? אזוי אן קיין בושה?

וואס זאל איך דיר זאגן איך דאנק און איך לויב דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו טרעפן א צדיק א מורה דרך, איינער וואס מאכט מיך זיין אן ערליכע איד, און איך בין מיט דעם זייער שטאלץ!

פשיאה! איך מוז דיר זאגן איך הער אויך די שיעורים די לעצטע זעקס יאר! איך וועל דיר זאגן מער פון דעם - מיין גאנצע שלום בית איז נאר א דאנק דער ראש ישיבה!!! אבער איך זאג נישט קיינעם וועגן דעם, דאס איז א סוד...

פארוואס?

וואס הייסט - בושות!!! ברסלב? ראש ישיבה? בושות!!!

איך מוז לויפן דאווענען מיר וועלן נאך רעדן...

איך דריי זיך ארום שאקירט צו דער עולם און איך פרעג זיי: עטץ האטס געהערט?

ניין וואס?

איך דערצייל אלעס וואס דער אינגערמאן האט מיר דערציילט און איינער געבט מיר אזא קוק אן: ארטיקל מסודר הא? נישט סתם אבער נאך וואו!

******

האלאו נא פאק אוועק... ס'האט גענומען צוויי מאל ביז איך האב געכאפט אז ער רעדט צו מיר, איך קוק אים אן אזוי, וואס ווילסטו? ער מאכט מיט די הענט נא פאק אוועק! איך מאך זיך גאנץ וויניק וויסענדיג, איך האב נאך עטליכע פרקים צו גיין, ס'איז מיר אסאך וויכטיגער ווי צו זאמלען חלה ברעקלעך ביים שבע ברכות און דורכטון בעיון רב די מהומות אין מדינת ישראל...

אבער דער לאזט זיך נישט, עפעס האט אים דער משניות געשטערט, ער פייסצעט און צוצצעקעט ער רוט נישט איין... אה מחי' דעם טעם עולם הבא, איך וויס נישט פון די וועלט צו זאגן, אלעס איז געשטארבן, איך עס יעצט פרקים משניות ס'גייט א רויך...

ס'איז ערב יום טוב, יעדער איז פארנומען פאריאגט און פארפלאגט, און דא זיץ איך ביי א שבע ברכות וואס מיר מאכן לכבוד מיין טייערע שוואגער נרו יאיר, און אנשטאט לעקן ברעקלעך מיט סעסעמי פון די טיש, זיץ איך מיט א קליינע משניות און ס'פארט פרקים ס'גייט א רויך! די גאנצע יום טוב לחץ ווערט פארגעסן, וואס דארף איך מער פון מיין קליינער משניות'ל.

אבער דער קעגן איבער מיר איז עפעס בכלל נישט צופרידן מיט מיין החלטה... וואס איז דער נייע זאך פון זיצן מיט א משניות ביי א שמחה? יעדער זאך האט זיין צייט! יעצט איז די צייט פון זיצן אנגעצויגן ביזן דאך ביי א שמחה און הערן ווי גליקלעך די זיידע איז, און ווי שיין די פסוק איז פאסיג פונקט-יעצט-דא-היינט-נאכט צוויי טעג פאר בדיקת חמץ!

כ'האב זיך צו פיל נישט וויסנדיג געמאכט, אבער דער נודניק לאזט נישט לעבן, ער שלעפט די טישטעך, ער קנאקט זיין גאפל.... ווען ער זעט אז ער רעדט צו א וואנט, שטעלט ער זיך אויף און קומט ארום צו מיר, און זאגט מיר - פאק עס אוועק קוקסט דאך נישט אויס ווי א נארמאלער מענטש!

*****

ער איז ענדליך אנגעקומען קיין ניו יארק נאך א לאנגע שיף רייזע, ער מוז פון ערגעץ אויסצאלן זיין גרויסע ישיבה און שול וואס ער האט...





מ'האט אים געזאגט אז פון די פאר אידן וואס וואוינען אין אמעריקע מאכט מען אסאך געלט, דעריבער זאל ער פארן קיין אמעריקע און צוזאמען נעמען געלט ער זאל קענען באצאלן זיינע חובות.

א שיינע דעלעגאציע פון די ארטיגע קהילה אידן זענען געקומען אפנעמען דעם חשוב'ן רב און אים באגלייטן צו זיין אכסניא.

דער רב האט זיך אביסל אויסגערוט פונעם לאנגן וועג. אויף צומארגנס קומען די ראשי קהילה זיך זעצן מיטן רב אים מכבד צו זיין צו געבן א דרשה פאר די גאנצע קהילה...



די רב נעמט עס גערן אן... די ראשי קהילה הייבן אים אויספרעגן אויף וועלכע נושא ער גייט רעדן?

ענטפערט דער רב אז ער האט געהערט אז די כשרות דארף א גרויסע תיקון האט ער געקלערט צו רעדן אביסל וועגן די שחיטה.

זאגן זיי נעע... בעסער נישט, ווייל די קהילה מאכט פון דעם אסאך געלט, און זיי ווילן נישט יעצט אנהייבן צו דארפן טוישן זאכן... בעסער רעדט פון עפעס אנדערש.

זאגט דער רב פיין איך וועל רעדן פון די חינוך - אז מ'טאר זיך נישט אויסמישן מיט די גוים, און מ'דארף געבן א תורה'דיגע חינוך. זאגן זיין נעע... בעסער רעדט נישט פון דעם, ווייל מיר זענען זייער צופרידן פון די אקאדעמישע לימודים וואס אונזערע קינדער לערנען...

קוקט ער זיי אן, אקעי פיין וועל איך רעדן פון שבת! זאגן זיי נעע... בעסער נישט ווייל אסאך אידן ארבעטן נעבעך שבת און זיי זענען גרויסע מעמבערס ביי אונז, מיר ווילן זיי נישט פארלירן...

קוקט ער זיי אן דער רב, פונקטליך וואס ווילט איר איך זאל רעדן פון???

זאגן זיי אים מיר פארשטייען נישט... איר זענט געקומען די גאנצע וועג פון פוילן קיין אמעריקע זיך אפ געמוטשעט מיט די לאנגע שווערע נסיעה, קענט איר נישט רעדן אביסל וועגן אידישקייט???

לאזט דער רב אראפ אפאר טרערן "און וואס זענען די אלע זאכן וואס איך האב דא אויסגערעכנט?" וואס איז דאס? גוי'אישקייט?

ט א טובה רעד "נארמאלע" זאכן... שרייב אין די גליון געהעריגע "נארמאלע" תורות, פארענטפערן קשיות מיט תירוצים... טו דורך סגיות... פארענטפער עפעס א סתירה... עפעס א שיינע גוטע פשט... יעדער וועט אנהייבן נעמען די גליונות ס'וועט שוין נישט זיין קיין "בושות" צו זאגן אז איך הער די שיעורים... דו וועסט קענען זיצן ביי א שמחה געהעריג נארמאל... פארוואס דארפן ענק זיין קלוגער פון דער וועלט?

וואס דארף ענקער ראש ישיבה אלץ רעדן פון די סארט זאכן פון שלום בית פון קדושה...

אוי באשעפער וואסערע פנים האט עס צו רעדן פון "אידישקייט" אויב איז עס נאר דרשות און גליונות מיט צעטלעך וואס איז מיר גאאאארנישט נוגע, וואס קען מיר נישט העלפן! וואס האב איך פון דער ריזיגע בינטל וועכנטליכע גליונות...אויב איז דארט נישט דא קיין איין ווארט חיזוק פאר מיר אין מיין מצב!

לאמיר נישט אויסקוקן ווי יענער אמעריקאנער אידן נעבעך וואס ווילן ענדערש הערן א דרשה איבער שמיטה... ווי איידער צו הערן דיבורים וואס גייט מיך מאכן זיין אן ערליכע איד!

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א ראש ישיבה וואס געבט אונז לעבעדיגע דיבורים וואס מיר קענען נעמען לעובדא ולמעשה און ווערן אמת'ע ערליכע אידן!!!

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע ווענטליכע

## קרית ברסלב בלעטל

יעדע וואך
ביי אייער
טיר




פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

## צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

# 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250

ברסלב
שטיצט ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר
גאנץ זומער, אין די טווין ברידוש געגענט,
נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

PLUMBING SERVICE
For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**

LOUNGE
computer + comfort

**BROWSE** AND **RELAX.**
INDULGE,
WITH OUR
**DRINKS** AND **SNACKS.**

462 Twin Bridge Rd, Ferndale, NY 12734
347 525 5681

*Elevate any occasion*
with our
**stunning floral arrangements.**



Corporate accounts *are welcome*

- Wedding
- Shabbos Kallah
- Tenoyim
- Weekly Subscription

**845.325.2147**
Sales.Bloomsflorist@gmail.com

**Blooms**
a unique florist

## השבת אבידה שטיבל

אלע פארלוירענע חפצים קען מען טרעפן אין
השבת אבידה שטיבל.

אזוי אויך אויב טרעפט איר א חפץ, ביטע ברענגט
עס אריבער און זייט מקיים מצות השבת אבידה

די נומבער אריינצורופן איז
845-243-0604

Catskills expediting
For all your property submittals,
approvals, permits, assistance, legal and
practical, Is the New York Catskills.
Feel free to contact the professional
Catskills Expediting team

917-379-5063
catskillsexpediting@gmail.com
Relax! We do the max

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בידנבוים – 347-549-5625
גרעסערע דירה – 845-637-5367

## עסן פאר קימעפטארינס

פאר ווארימע גריז רופט משפחת טייטלבוים
845-376-0380

פאר פרישטאג רופט משפחת בוים
347-786-1767

פאר נאכטמאל רופט משפחת מענדלאוויטש
845-238-6393




בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com



# קליין און שיין



נפתלי העסקעל - לאנדאן




יושע היימליך נ"י - קרית ברסלב




יואליש סאמעט - קרית ברסלב



משפחת טייטלבוים און משפחת
שטיינבערג פון קרית ברסלב געבויעט
א מייק



אליעזר שלמה שניטצלער נ"י - וויליאמסבורג



יעקב יודא ראטה נ"י - וויליאמסבורג



שיקט אריין א בילד
פון אייער קינד

# מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה פַאר קִינְדֶער

מלכי פורסט תחי' - קרית ברסלב פארציילט:




מרדכי מזרחי נ"י - קרית ברסלב פארציילט:



# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: נפתלי זאבעל

די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל בייס רייניגן די באס לכבוד פסח



קרעדיט: העניך אינדיג

די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב בייס רייניגן די ספרים אין בית המדרש



קרעדיט: אליעזר שמן

כיתה ד׳ אין שטעטל בײם מאכן א סדר



קרעדיט: אליעזר שמן

כיתה ב׳ אין שטעטל בײם מאכן א סדר



קרעדיט: בערל שניטצלער

שריפת חמץ אין תלמוד תורה קרית ברסלב



קרעדיט: אליעזר שמן

סיום מסכת נזיר אין שטוב פון מו״ה יעקב לעסער שליט״א - פרייטאג פרשת צו



קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה באזוכט ביים ספרים סטאר אין שטעטל



קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה באזוכט ביים שיך סטאר אין שטעטל



קרעדיט: שמוליק בלעדי

ביים מצות באקן ערב פסח אין בית האופה קרית ברסלב



קרעדיט: שמוליק בלעדי

ביים איבערקוקן די ערב פסח מצות



קרעדיט: שמוליק בלעדי

מים שלנו ליל בדיקת חמץ



קרעדיט: נפתלי זאבעל

סיומים פון קינדער ערב פסח אין היכל הקודש פרימישלאן



קרעדיט: מרדכי אהרן הײלפרין

ביים מאכן א ברכה אויפן עירוב אין שטעטל - ערב פסח


קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

שחרית חול המועד אין שטעטל


קרעדיט: שלמה יאקאבאוויטש

שיעור גמרא חול המועד פסח אין שטעטל



נאכן שיעור התחזקות זונטאג חול המועד פסח


קרעדיט: אייזיק ראטה

אין א שמועס מיט אנשי שלומינו אינדרויסן פון "טאנץ מיט אמונה" פארק - חול המועד פסח


קרעדיט: משה איינהארן

סיום הש"ס פון הילד הפלא נחמן פוקס נרו יאיר - מאנטאג חול המועד פסח


קרעדיט: משה איינהארן

דער טאטע מו"ה ישראל פוקס הי"ו ביים רעדן אפאר ווערטער לכבוד די סיום הש"ס פון זיין זון



די גבאי פונעם רענט קאמפיין מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו ביים פארטיילן בדיקת חמץ סעטס


קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה

די פרישע הייזער אויף די בארדיטשוב גאס

# בילדער
## ארכיוון

**ל"ג בעומר תשע"א**
**ביי מוהרא"ש זי"ע**









# בילדער
## ארכיוון

## ל״ג בעומר
### שנת תשע״ג




סעודת ל״ג בעומר אין ישיבה - שנת תשע״ג







סעודת ל״ג בעומר אין היכל הקודש פרימישלאן קרית יואל - שנת תשע״ג

קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# שטאטישע פראגראמען

מיר ווילן בעטן אלע משפחות אין שטעטל וואס נעמען שטאטישע פראגראמען, אז עס איז זייער וויכטיג מען זאל איבערגיין מיט אונזער חבר הנהלה ר' מרדכי אהרן נ"י פארן אריינשיקן די פאפירן צו די שטאט, (אפילו איר שפירט אז איר ווייסט פונקטליך וואס צו שרייבן) כדי צו פארמיידן פראבלעמען וואס האט זיך שוין ליידער געמאכט אינעם עבר.

נאך א וויכטיגע נקודה; עס איז זייער וויכטיג מען זאל מאכן זיכער אז מען איז איינגעשריבן ביי די שטאט אויף די נייע היים אדרעס אין שטעטל, כדי נישט צו פארלירן די פראגראמען וואס די שטאט גיט, ווי למשל אונשורענס וכדומה.

פאר אלע שאלות וואס מאכט זיך נאר, קענט איר שטענדיג זיך מעלדן צו ר' מרדכי אהרן נ"י.

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# חֲסַל סִדּוּר פֶּסַח

## חלוקות פארטיילט אקאונטס אנגעפילט

אין די געלעגנהייט ווילן מיר אויסדרוקן א פערזענליכע דאנק פאר אלע משתתפים אין די קמחא דפסחא קאמפיין, א דאנק אייער שטיצע האט איר אונז ערמעגליכט נאכאמאל צו דערפרייען הונדערטער אידישע הערצער, און אויך דאס יאר, טראץ די שווערע פינאנציעלע מצב אויף די גאס, ווען פולע משפחות אריינברענגן דעם פסח שפירענדיג ווי בני חורין, מיט א רואיגקייט און הרחבת הדעת בדרך כבוד. זיצענדיג ביים סדר ארומגענומען כשתילי זיתים וועט איר מיט א רואיגן געוויסן קענען זאגן דעם כל דיכפין ייתי ויאכל, וויסענדיג אז אייער שכן, קרוב, ברודער איז יעצט אויך אין א דערהויבענע געמיט ביי א הערליך געדעקטען טיש און פארמאגט אלע צרכי החג ,
אייערע פעולות לטובת דעם בית התבשיל
האט אריינגעברענגט א שמחת יו"ט אין
צענדליגע אידישע שטובער.

### פסח חלוקות

עס איז פארטיילט געווארן
עטליכע חלוקות פאר די ווערד פון

**$60,000**

אין דעם איז
אריינגערעכנט
די גרויסארטיגע
חלוקות וואו עס אי
פארטיילט געווארן
לכל דיכפין די
וויכטיגע
צרכי החג

| | |
|---|---|
| קארטאפל | $4,700 |
| גרעיפ דשוס | $4,500 |
| אייער | $11,000 |
| פלייש | $12,000 |
| פיש | $5,000 |

### גראסערי

אנגעפילט מיט א ברייטקייט
צענדליגע אקאונטס אין גראסערי
פאר די סכום פון

**$50,000**

דער מקבל באקומט די נתינה בדרך כבוד
אויף די העכסטע פארנעם, און קען דערמיט
איינקויפען אלע צרכי יו"ט
כיד המלך

### קופאנס

אין פארשידענע געשעפטן

**$4,000**

"ווייל איך דיר
יעצט בעטן
דו זאלסט גיין
נאך געלט
צאמנעמען
פאר קמחא
דפסחא פאר
אידן וואס
דארפן געלט
אויף יום טוב.
(עצתו אמונה)

## אלעס אינאיינעם איז פארטיילט געווארן פאר משפחות מאנשי שלומינו די ריזן סכום פון איבער

# $100,000

די זכות המצוה זאל באגלייטן אלע עוסקים ומשתתפים, אין יעדן באגליקן מיט עושר ואושר, אך טוב וחסד כל ימי חייכם, זיך שטענדיג געפינען אויפן צד הנותן און קיינמאל נישט דארפן צוקומען לידי מתנת בשר ודם. מיר זאלן זוכה זיין צו זיצן אינאיינעם, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בירושלים הבנויה.

קמחא דפסחא 75 טורזענבט